# לידער

## ישׂראל נעקראַסאָוו

### איבער וועלדער, מדבריות און גאַסן

איבער וועלדער, מדבריות און גאַסן
גייען מענטשן אַהין און צוריק:
איינער קען ניט געפֿינען קיין וואַסער
און אַן אַנדערער האָט ניט קיין בריק,

איינער קען ניט פֿאַרשטיין, וואָס צו טאָן,
ביי אַן אַנדערן איז אַלץ געראָטן,
איינער זעט נאָך אַ רעגן אַ זון
און אַן אַנדערער — לוזשעס און בלאָטע.

# אין אַ דאָרף

סע הענגט אַ טיפֿע נאַכט.
דער מאַגאַזין איז לאַנג פֿאַרמאַכט
און אויפֿן גאַניק שלאָפֿט אַן אַלטער וועכטער,
אַ ביקסל אויף די קני.
קום צו צו אים און גיב אַ שלאָג אין קאָפּ
און ס׳וועט ער
אַראָפּ
פֿון גאַניק
אויף דער ערד.
סע גייט אים, אַז כ בין ניט
קיין מערדער,
ניט קיין גנבֿ.
איך גיי פֿאַרבײַ, און ער האָט ניט דערהערט.

# כ'האָב ליב, ווען ס'פֿאַלט אַ שטילער ווייכער שניי

כ'האָב ליב, ווען ס'פֿאַלט אַ שטילער ווייכער שניי,
די שטאָט איז לופֿטיק, חלומדיק און ווײַס.
כ'האָב ליב צו וואַרטן, עפּעס זאָל געשען,
נאָר וואַרטן איז אומזיסט, ניטאָ קיין נײַס.
אויף אייביק איז די ערד פֿאַרשמידט אין אײַז.

# טרינקען וואַסער פֿון פֿרעמדע קוואַלן

טרינקען וואַסער פֿון פֿרעמדע קוואַלן,
עסן ברויט פֿון אַ פֿרעמדער ערד,
אייביק ציטערן און פֿאַרפֿאַלן
איז ניט ווערט, אָבער ס׳איז באַשערט.

און באַרויִקטע, ערלעך-פֿרומע,
וועלן שווײַגן די נעכטיקע פֿרײַנד,
און מײַן שכן וועט צו מיר קומען
מיט אַ האַק אין דער לינקער האַנט.